# פרשת ואתחנן י׳ – ט״ז אב תשע״ה לפ״ק

***יום שני פרשת ואתחנן***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפילין לבן הר״ר **חיים מאיר פראמאוויטש** הי״ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט״א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורון דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום חמישי פרשת ואתחנן***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט״א** לוויליאמסבורג והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר״ר **נחום עזריאל קאהן** הי״ו (חתן הר״ר **יהושע חיים גאלדבערגער** הי״ו). **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** וואך איז די פרשה פון קריאת שמע. ואהבת את ה׳ אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך (דברים ו-ה), מען דאף ליב האבען דעם אייבערשטען מיטן גאנצן הארץ, און מען דארף אוועקגעבן דעם נפש און די פארמעגן פאר אהבת ה׳. ווען מען מל׳ט א קינד, איז מען מקיים ואהבת את ה׳ אלקיך בכל נפשך. כי עליך הרגנו כל היום (תהלים מד-כג), זו מילה (גיטין נז:) די חשוב׳סטע ביי א מענטש זענען די קינדער. דער **אור החיים הק׳** זאגט, אז די ליבשאפט צו א קינד, איז אסאך מאל העכער פון די אהבה צו זיך אליין. א טאטע איז זיך גרייט מוסר נפש צו זיין פאר א קינד. און אז מען נעמט א קינד, און מען איז אים מכניס בבריתו של אברהם אבינו, מען פארגיסט זיין בלוט, כי הדם הוא הנפש (דברים יב-כג), איז ער מקיים ׳ובכל נפשך׳.

**אויסער** די מצוה פון ׳ובכל נפשך׳, דארף מען דינען דעם אייבערשטען ׳בכל לבבך׳, מיטן גאנצן הארץ, ׳ובכל מאודך׳, בכל ממונך (רש״י שם), מיט דעם גאנצן פארמעגן. פארמעגן ווערט אנגערופן מאוד, ווייל מאוד איז דער טייטש, א זאך וואס דער מענטש וויל זייער, טובה הארץ מאוד מאוד (במדבר יד-ז). עס איז נישט דא אין די וועלט נאך א זאך וואס א מענטש איז אזוי להוט דערויף, ווי געלט. ווייל ווען מען האט געלט, האט מען הרחבת הדעת, און מען האט אלע באקוועמליכקייטן, ווייל מיט געלט קען מען צוקומען צו אלעם. קומט אויס, אז וואס איז די זאך וואס א מענטש קוקט זייער ארויף דערויף, דאס איז זיין פארמעגן, זיין געלט. און יש לך אדם שממונו חביב עליו יותר מגופו (רש״י שם). זאגט די תורה ואהבת את ה׳ אלקיך, דו דארפסט ליב האבען דעם אייבערשטען, בכל מאודך, מיט אלעם וואס דו ווילסט זייער. וואס איז די זאך וואס דו ווילסט זייער, דאס איז געלט, צו דעם איז א מענטש שטארק להוט, און דאס דארף מען אוועקגעבן פארן אייבערשטען.

**אין** מדרש (ב״ר ט-ז) שטייט נאך א פשט אויף מאוד. ווען דער באשעפער האט באשאפן די וועלט, האט ער געזען והנה טוב מאוד (בראשית א-לא), זאגט דער מדרש, אז ׳טוב׳ גייט ארויף אויפן יצר טוב, און ׳מאוד׳ גייט ארויף אויפן יצר הרע, דער יצר הרע ווערט אנגערופן מאוד. ובכל מאודך, אפילו ווען דער יצר הרע איז זיך מתגבר אויפן מענטש, און דער יצר הרע פארלאנגט געוויסע זאכען, אז דער מענטש זאל נאכגיין נאך זיין יצר, דארף א מענטש ליב האבען דעם אייבערשטען בכל ׳מאדך׳, אז ער זאל זיך קענען מתגבר זיין, אויף אלע זאכען וואס דער יצר הרע רעדט אים צו אז ער זאל טון.

**בשעת** מען מל׳ט דאס קינד, איז מען מקיים ובכל נפשך. אבער נישט נאר ובכל נפשך איז מען דעמאלטס מקיים, נאר דאס גיט אריין דעם כח אינעם קינד, אז ער זאל קענען שפעטער דינען דעם אייבערשטען נישט נאר בכל נפשך, נאר אויך בכל לבבך ובכל מאדך. דאס וואס מען טוט פארגיסען פארן אייבערשטען דאס בלוט פון א קינד תיכף ביי די אכט טאג, קוים וואס ער פאנגט אן צו לעבן, דאס טוט אריינברענגען אין דאס קינד דעם כח פון מסירת נפש, אז א יוד דארף אלעס אוועקגעבן פאר אהבת ה׳.

**׳מל׳** איז די ראשי תיבות ל׳בבך מ׳אדך. אויף ׳בכל נפשך׳ דארף מען נישט האבען קיין רמז אין מילה, ווייל דאס עצם מילה אליין איז דאך בכל נפשך.

אבער מילה איז נישט נאר ובכל נפשך אליין, נאר מילה האט אויך אין זיך די מ"ם מיט די למ"ד, דער בכל 'לבבך' און בכל 'מאדך', אלעס ווערט נכלל אין כח פון מילה.

*

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אלי' גליק** ע"ה.

אחר מעריב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אשר זעליג נאה** הי"ו.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יוסף באדאנסקי** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש בשכונת הארמעני הילס. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** תורה הק' פארציילט די וואך, אז משה רבינו האט מתפלל געווען אז ער וויל אריינגיין קיין ארץ ישראל, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה (דברים ג-כו). און דער פסוק פירט אויס, ועתה ישראל שמע אל החוקים ואל המשפטים, מען זאל צוהערן צו די מצות פונעם אייבערשטען, לא תוסיפו על הדבר אשר אנכי מצוה אתכם, ולא תגרעו ממנו, לשמור את מצות ה' אלקיכם, מען זאל נישט צוגעבן און מען זאל נישט אראפנעמען פון די מצות פונעם אייבערשטען.

**דער** הייליגער **אור החיים הק'** זאגט, אויפן פסוק (שם ד-א) ועתה ישראל שמע אל החוקים, אז משה רבינו האט געזאגט פאר יודען, איך האב מקיים געווען די גאנצע תורה, און נאר איינמאל האב איך נישט געפאלגט דעם אייבערשטען, און מען האט זיך אפגערעכנט מיט מיר, אז איך קען נישט אריינגיין קיין ארץ ישראל, און די אלע תפלות וואס איך האב מתפלל געווען, האט נישט געהאלפן. זאגט דער **אור החיים הק'**, ווען מען זעהט אז איינער האט זיך אפגעבריהט, ווייסט מען אז מען דארף זיך מער היטן. 'ועתה', יעצט ווען איר זעהט אז דער אייבערשטער האט מיר נישט געוואלט מוחל זיין אויף דעם וואס איך בין אוועקגעגאנגען פון די תורה, 'שמע אל החוקים'. און דעמאלטס וועט זיין 'ובאתם וירשתם' וועט איר קענען אריינקומען קיין ארץ ישראל, 'לא תוסיפו ולא תגרעו' מען זאל נישט צוגעבן, און מען זאל נישט אראפנעמען, פון די מצות פון די תורה.

**די** מפרשים שטעלן זיך, 'לא תוסיפו' פארשטייט מען אז די תורה דארף זאגען אז מען זאל נישט צוגעבן צו די מצות. ווייל א מענטש קען טראכטען, איך טו דאך די מצות פונעם אייבערשטען, איך פאלג וואס דער אייבערשטער האט געהייסען, איך געב נאר צו דערצו. וואס איז די חסרון אז איך האב צוגעגעבן צו די מצוה, איך האב דאך געטון וואס מען האט געהייסן. אבער ולא תגרעו איז דאך די טייטש אז ער נעמט אראפ, און ער איז נישט מקיים די ציווי פונעם באשעפער. וואס איז עפעס א הוה אמינא, אז מען זאל קענען גורע זיין פון א מצוה, אז די תורה דארף זאגען אז מען זאל נישט גורע זיין פון א מצוה. מען טאר נישט מבטל זיין קיין שום מצוה פונעם אייבערשטען, און אז מען איז מגרע פון די מצוה, האסטו נישט געטון וואס מען האט געהייסען. פארוואס האט די תורה געדארפט געבן א לאו, ולא תגרעו ממנו.

**נאר** דער פשט דערפון איז, אמאל איז דא וואס א מענטש מאכט חשבונות, אז עס איז כדאי אז מען זאל מוותר זיין אויף עפעס, און עובר זיין אויף א זאך וואס מען דארף נישט, ווייל ער האט א חשבון אז ער וועט עס באצאלען, און דער רבונו של עולם וועט נישט קיין שאדן האבען. ער וועט יעצט אראפנעמען פון א מצוה, און ער וועט עס באצאלען אויף א וועג וואס עס וועט זיך לוינען דאס געשעפט, ווייל עס וועט שפעטער ארויסקומען דערפון א קידוש ה', און א הוספה אין עבודת ה'. פון דעסטוועגן האט א יוד נישט קיין רעכט אראפצונעמען א זיז כל שהוא פון די תורה, אפילו מיט א חשבון אז עס וועט צוברענגען צו קיום התורה.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, ולא תחללו את שם קדשי, ונקדשתי בתוך בני ישראל (ויקרא כב-לב), זייטס נישט מחלל מיין נאמען, און איך זאל נתקדש ווערן ביי יודען. לכאורה איז עס א דאפעלטע לשון, אז מען זאגט שוין ונקדשתי, ווייס

איך אז ולא תחללו. נאר אמאל איז דא, וואס א יוד וויל טון א זאך וואס איז נישט אויסגעהאלטן על פי תורה, עס איז א חילול כבוד ה', אבער זיין חשבון איז, אז שפעטער וועט ארויסקומען דערפון א כבוד ה'. יעצט איז ער מחלל דעם אייבערשטען'ס נאמען, ער טוט א זאך וואס עס פאסט נישט צו טון, אבער זיין ציל צו וואס ער וויל צוקומען, וועט זיין א זאך וואס וועט צוברענגען צו א קידוש ה'. אין די גוי'שע וועלט איז עס א זאך וואס איז אנגענומען, אז דער ציל איז מטהר די פעולה וואס מען טוט. ער קען זיין א טעראריסט און הרג'ענען מענטשען, ווייל ער וויל צוקומען צו א געוויסע פונקט, וואס ער האלט אז פאר דעם מעג מען אויך טון עוולות. אבער ביי תורה איז נישט אזוי, 'ולא תחללו את שם קדשי', מען טאר נישט מחלל זיין דעם אייבערשטנ'ס נאמען, אפילו מיט א חשבון 'ונקדשתי בתוך בני ישראל', אז עס וועט ארויסקומען דערפון א קידוש ה'. דער באשעפער איז מוחל דיין קידוש ה', זיי נישט מחלל דעם אייבערשטנ'ס נאמען. טו וואס מען האט דיר געהייסען צו טון, און מאך נישט קיין חשבונות וואס עס וועט ארויסקומען דערפון שפעטער.

**משה** רבינו האט געהאט איין חטא, ער האט געשלאגען דעם שטיין. ווי אזוי קומט צו משה רבינו אזא חטא, נישט צו פאלגען וואס דער אייבערשטער זאגט. דער באשעפער זאגט אז ער זאל רעדן צום שטיין, און ער שלאגט דעם שטיין. און מען זעהט אז אין די תפלה אויף גשם, איז מען מזכיר וואס משה רבינו האט געטון, און מען נוצט עס גאר פאר א זכות. 'על הסלע הך ויצא מים'. משה רבינו האט געשלאגען דעם שטיין, און עס איז ארויסגעקומען וואסער. עס איז דאך געווען א חטא פאר משה רבינו, און וועגן דעם איז ער נישט אריין קיין ארץ ישראל, און דאס איז מען מזכיר בשעת מען בעהט אז דער אייבערשטער זאל געבן גשם.

**שטייט** אין הייליגע ספרים, אז דער אייבערשטער האט נאכדעם געזאגט פאר משה רבינו, יען לא האמנתם בי להקדישני לעיני בני ישראל (במדבר כ-יב), זאגט רש"י, ווען משה רבינו וואלט גערעדט צום שטיין, וואלט ארויסגעקומען א מורא'דיגע כבוד ה'. ווייל די ששים רבוא יודען וואס זענען דארט געשטאנען, און געזען ווי משה רבינו רעדט צו א שטיין, אז דער אייבערשטער זאגט, אז ער זאל ארויסגעבן וואסער, און דער שטיין פאלגט. וואלטן זיי געמאכט א חשבון, מה דאך א שטיין וואס איז נישט אנגעוויזען אויף קיין עסן, און אויף טרינקען, פאלגט וואס דער אייבערשטער זאגט, וויפיל דארף א יוד, וואס האט יעדע מינוט אזויפיל חסדים פונעם אייבערשטען, פאלגן דעם רבונו של עולם. וואלט עס ארויסגעברענגט א געוואלדיגען קידוש ה'. און משה רבינו האט עס פארפאסט, ער האט נישט גערעדט צום שטיין, נאר ער האט געשלאגען דעם שטיין, איז געווען א הקפדה פונעם אייבערשטען.

**פארוואס** טאקע האט עס משה רבינו נישט געטון. משה רבינו האט מורא געהאט, אז יודען וועלן זיך נישט אראפלערנען דעם מוסר השכל, און מען וועט נישט פאלגען וואס דער אייבערשטער זאגט. און דעמאלטס וועט זיין א געוואלדיגער קיטרוג אויף יודען, מען וועט זעהן אז משה רבינו האט גערעדט צו א שטיין, און עס האט ארויסגעגעבן וואסער, און דו פאלגסט נישט. האט משה רבינו געמאכט א חשבון, אז עס איז די טובה פון כלל ישראל, אז איך זאל שלאגען דעם שטיין. ענדערש זאל נישט זיין דער קידוש שם שמים, ווי איידער שפעטער זאל ארויסקומען פון דעם א קיטרוג אויף יודען, אז יודען וועלן נישט פאלגען וואס דער אייבערשטער זאגט.

**ווען** מען ברענגט ארויס די גרויסקייט פון משה רבינו, אז דער אייבערשטער זאל געדענקען וואס פאר א צדיק משה רבינו איז געווען, זאגט מען 'על הסלע הך ויצא מים', ער האט נישט גערעדט, נאר ער האט געשלאגען דעם שטיין. ווייל ער האט מורא געהאט, אז יודען וועלן זיך נישט אפלערנען די מוסר השכל פונעם שטיין, און מען וועט נישט פאלגען וואס דער אייבערשטער זאגט, און ער איז געווען גרייט צו טון א עבירה, און זיך מוסר נפש זיין פאר כלל ישראל. 'דעם' זכות זאל דער אייבערשטער געדענקען.

**אויף** משה רבינו האט מען געזען, אז אפילו ווען א מענטש טוט א גוטע זאך, ער וויל אז עס זאל נישט

זיין א קיטרוג אויף יודען, און עס זאל נישט זיין שפעטער א חרון אף פונעם אייבערשטען, פון דעסטוועגן דאך טאר מען נישט עובר זיין אויף די ווערטער פונעם באשעפער, אפילו מיט א חשבון אז עס וועט ארויסקומען דערפון א דבר טוב.

**האט** משה רבינו געזאגט, 'ואתחנן אל ה' בעת ההוא', איך האב געטון א עוולה, און איך האב געבעטען אז דער אייבערשטער זאל מיר מוחל זיין, און איך זאל קענען אריינגיין קיין ארץ ישראל, און דער אייבערשטער האט מיר נישט מוחל געווען אויף דעם וואס איך האב געטון, כאטש איך האב עס געמיינט ערליך, אז עס זאל ארויסקומען דערפון א טובה כביכול פארן רבונו של עולם, אז עס זאל נישט זיין א קיטרוג אויף יודען, פון דעסטוועגן דאך טאר מען נישט משנה זיין די ווערטער פונעם אייבערשטען, אפילו ווען עס איז מיט א חשבון.

**'ועתה'** יעצט ווען איר זעהט וואס עס האט מיט מיר פאסירט, 'שמע ישראל אל החוקים ואל המשפטים', און 'לא תוסיפו' געבעטס נישט צו, צו די מצות, און 'ולא תגרעו' נעמטס נישט אראפ פון די מצות, אפילו ווען עס איז מיט א חשבון 'לשמור את מצות ה' אלקיכם', אפילו ווען מען וויל אמאל אראפנעמען א זאך פון די תורה, מיט א חשבון אז דאס וועט צוברענגען צו שמירת התורה, טאר א יוד נישט אוועקגיין פון די תורה. א יוד איז מחוייב צו טון וואס מען האט אים געהייסען טון, און נישט מאכן קיין אייגענע חשבונות. נישט טון א זאך וואס מען דארף נישט צו טון, אפילו ווען עס איז מיט א גוטע כוונה, נאר א יוד דארף טון דעם רצון פונעם אייבערשטען, און דאס איז חשוב'ער פון אלעם.

*

<u>**יום שישי פרשת ואתחנן**</u>

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לקרית יואל והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **אהרן אלי' גאטעסמאן** הי"ו (ב"פ). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

<u>**שבת קודש פרשת ואתחנן**</u>

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **משה יוסף האפפמאן** הי"ו (וומסב"ג) לשור הפיוט אליהו הנביא. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע** (מתוך הספר שיח זקנים חלק שישי). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל ווייסמאנדעל שליט"א**.

<u>*וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):*</u>

**עס** איז די וואך די יארצייט פונעם הייליגען **בעלזער רב זי"ע**, וואס איז געווען די לעצטע פון די סארט צדיקים וואס מען האט נאך זוכה געווען צו קענען נאך די קריג. ער איז געווען אויסגעטון פון די וועלט, זיין עסן, זיין שלאפן, און זיין גאנצן טאג, איז געווען מלא דביקות אינעם אייבערשטען. אין ארץ ישראל קען מען זעהן די בענקל אויף וואס ער איז געזעסן, ער האט נישט געהאט קיין שטול, און עס איז נישט געווען א בענקל וואס האט געהאט אויף די צוויי זייטען ווי זיך אנצולייגען די הענט, נאר ער איז אלע יארן געזעסן אויף א פשוטע האלצענע בענקל. און ער איז נאר געזעסן אויף די ערשטע העלפט בענקל, ער האט זיך קיינמאל נישט אנגעליינט די רוקען אויף צוריק. און מען קען זעהן אויף די בענקל אז די ערשטע העלפט פונעם בענקל איז אפגעריבן, און די אנדערע העלפט פונעם בענקל פון אונטען, איז ווי א נייע בענקל. ער איז קיינמאל נישט געזעסן נאר ביים עק פונעם בענקל, און אזוי האט ער געדינט דעם אייבערשטען זיין גאנץ לעבן.

**אין** די וויענער שול איז געווען א הספד אופן **בעלזער רב**, און דער **צעהלימער רב זצ"ל** האט מספיד געווען, און ער האט געזאגט, מען איז זיך צוזאם געקומען, ווייל דער **בעלזער רב** איז נסתלק געווארן, 'ער איז שוין אסאך יארן נישט אויף דעם עולם', זיין גוף איז נאר געווען דא, אבער ער איז שוין נסתלק געווארן אסאך יארן פריער.

*

הרבנית מסקווירא ע"ה הביאה פעם לפני דודה **הרה"ק מבעלזא זי"ע** את החפצים שקיבלה בירושה מזקינה

**הרה"ק רבי מרדכי מראחמיסטריווקא זי"ע**, ואמרה שיש ברשותה מקל **מהרה"ק רבי מרדכי מטשערנאביל זי"ע**, לקח **הרה"ק מבעלזא** את המקל בין שני רגליו הק' והחזיק בו כן למשך זמן.

**והעיר רבינו:** עס שטייט אין ירושלמי (מו"ק ג-א) אז איינע פון די תנאים האט געהאט בירושה א שטעקן פון רבי מאיר, און דאס האט אים געלערנט חכמה. דער הייליגער **חתם סופר** (תורת משה פ' תולדות) ברענגט צו דעם ירושלמי, און ער זאגט, אז דער טעם דערפון איז, ווייל יעדער חפץ וואס געהערט צו א מענטש, איז א סימן אז עס האט א שייכות צו אים. ווייל א חלק פון די ניצוצות פון זיין נשמה, ליגט אין די חפצים וואס דער מענטש האט. אלע חפצים וואס א מענטש האט, איז אלעס צוגעפאסט אז עס דארף זיין דווקא ביי אים, און נישט ביי זיין חבר, ווייל עס איז דא אין דעם חפץ געוויסע ניצוצות פון זיין נשמה, וואס ער דארף דאס מעלה זיין.

**דער ייטב לב** שרייבט (פרשת בהר), אז אמאל איז דא א חפץ וואס האט א שייכות צו צוויי מענטשען. ראובן האט דערין חלקים פון זיין נשמה, און שמעון האט דערין חלקים פון זיין נשמה. קומט עס קודם אן צו ראובן, און ווען ראובן איז מתקן זיינע זאכען, פארקויפט ער עס נאכדעם פאר א צווייטען. און דאס איז ביזנעס, א מענטש קויפט און פארקויפט, און דאס איז מיט א חשבון פון הימל, ווי אזוי עס דארף אנקומען פאר יעדעם זיין חפץ. און אין א חפץ פון א צדיק ליגען ניצוצות פון די נשמה פון דעם צדיק, איז ממילא ליגט דערין א קדושה פונעם צדיק.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, אז אזוי ווי א חפץ פון א צדיק איז משפיע אויף דעם וואס האט דעם חפץ, דאס זעלבע איז אויך פארקערט, אז א חפץ פון א רשע, ליגט דערין א טומאה פון דעם רשע. ווען יעקב האט געדארפט מקבל זיין די ברכות פון עשו, האט ער געדארפט קודם גלוסטן די ברכות וואס איז אנגעגרייט פאר עשו, און יעקב גלוסט נישט, לא תחמוד (שמות כ-יד), יעקב נעמט נאר וואס מען געבט אים פון הימל. יעקב דארף זאגען ליגענט, אנכי עשו בכורך (בראשית כז-יט), תתן אמת ליעקב (מיכה ז-כ), יעקב קען נישט זאגען קיין ליגענט. איז געגאנגען די מוטער, 'ותקח רבקה את בגדי עשו בנה הגדול', זי האט גענומען די בגדים פון עשו, 'החמודות', וואס האבען אין זיך די טומאה פון חמודות, 'ותלבש את יעקב בנה הקטן' (בראשית כז-טו), און זי האט עס אנגעטון אויף יעקב, יעצט וועט ער שוין קענען חומד זיין, און ער וועט שוין קענען זאגען ליגענט, אנכי עשו בכורך.

*

כשנעשה **כ"ק האדמו"ר מבעלזא שליט"א** בן ג' שנים, אמר **הרה"ק מבעלזא זי"ע** שכשיובילו את הילד לחדר, יכינו שני טעקסי"ס, באחד יסעו המלמד והקרובים, ובטעקסי השני יסעו האם והילד, משום שזה שייך לנשים, דנשים במאי קזכיין, בזה שמביאים בניהם לחדר (ברכות יז.).

**והוסיף רבינו:** איך האב שוין אמאל נאכגעזאגט, אז א יוד האט מיר פארציילט, אז ער האט אמאל געטראגען **רבי יונתן שטייף זצ"ל** ביי זיך אין די קאר צופרי, און ער האט געזעהן ווי א יונגערמאן איז געשטאנען מיט זיין קינד, ארויפצולייגען זיין קינד אויפן באס צו גיין אין חדר. האט ער געבעטן דעם דרייווער אז ער זאל זיך אפשטעלן, און ער האט צוגערופן דעם יונגערמאן, און ער האט אים געפרעגט, פארוואס שטייסטו דא ארויפצולייגען דיין קינד אויפן באס, פארוואס איז נישט דא די מאמע ארויפצולייגען דאס קינד אויפן באס. האט ער געזאגט, ווייל עס איז דא נאך קינדער אין שטוב, און די מאמע איז פארנומען מיט די אנדערע קינדער, האט זי מיר געבעטן, אז איך זאל אראפטראגען דאס קינד צום חדר.

**האט** אים **רבי יונתן** געזאגט, די קומענדיגע מאל זאלסטו נישט אזוי טון, נאר דו זאלסט בלייבען אין שטוב מיט די קינדער, און די מאמע זאל אראפטראגען די קינדער צום באס. ווייל נשים האבען נישט קיין מצוה פון תלמוד תורה, נאר די איינע זכות אז זיי טראגען די קינדער אין חדר. עס איז נישט א זאך וואס געהער פארן טאטע, נאר עס געהער פאר די מאמע צו טראגען א קינד אין חדר.

***יום ראשון פרשת עקב***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אלימלך שארף** הי"ו.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשכונת לארעל לעידזש לכתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה בהשתדלות הר"ר **לוי מיכאל גראס** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות, והאציל מברכותיו לכל המשתתפים.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו למדינת שווייץ.

*

***יום שני פרשת עקב***

בשעות הבוקר הגיע **רבינו שליט"א** לשווייץ, ונסע להעיר ציריך להתפלל תפלת שחרית. אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לעיר ארוזה למנוחה.

*

***יום חמישי פרשת עקב***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** בסעודת הילולא של **הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע**, שהתקיים בבית המדרש בעיר ארוזה. ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**מען** זיצט ביי א סעודת יארצייט פונעם **בעלזער רב זי"ע**, וואס איז מפורסם פאר א קדוש אלקי, א מלאך אלקים. אזוי ווי עס איז נישט שייך אז א בשר ודם זאל קענען אפטייטשן און רעדן פון א מלאך, אזוי איז נישט שייך אויפן רב ז"ל. זיין עבודה און פרישות פון עולם הזה איז געווען אויף אזא פארנעם, וואס מען האט נישט געזען אסאך יארן פארדעם.

**מען** געפונט אין די גמרא (גיטין נו:) אז בשעת די חורבן פונעם בית המקדש האבן די רומיים באלאגערט ירושלים, און מען האט נישט געקענט ארויסגיין, און רבי יוחנן בן זכאי האט זיך ארויסדערווישט פון ירושלים, און ער איז געגאנגען צו אספסיינוס קיסר, און ער האט אים באגריסט, שלום עליך מלכא. און אספסיינוס האט אים געזאגט, איך בין נישט קיין מלך, און דו ביזט חייב מיתה, אלץ מורד במלכות. צום סוף איז געקומען א שליח, אז אספסיינוס איז געווארן מלך. און אספסיינוס האט געזאגט פאר רבי יוחנן, אז ער לאזט איבער ירושלים, און ער גייט צוריק קיין רוים, אבער אז ער בעהט א בקשה וועט ער עס טון. האט רבי יוחנן בן זכאי געבעטן דריי זאכען. איינס, תן לי יבנה וחכמיה, לאז איבער די שטאט יבנה, ווי די חכמי ישראל זענען דעמאלטס געווען. די שטאט זאל ער נישט חרוב מאכען, כדי די חכמים זאלן איבערבלייבען. ושושילתא דרבן גמליאל, די משפחה פון רבן גמליאל. רבן גמליאל איז געווען דער נשיא, און פון אים איז געווען די המשך פון מלכות בית דוד. און די דריטע זאך האט ער געבעטן, ער זאל אים געבן א דאקטער אויסצוהיילן רבי צדוק.

**און** עס איז א געוואלדיגע פלא, מילא די ערשטע צוויי זאכען וואס ער האט געבעטן פארשטייט מען. רבי יוחנן האט געהאט א בליק, אז דער בית המקדש גייט חרוב ווערן, ווי די גמרא (שם) זאגט, והלבנון באדיר יפול (ישעיה י-לד), אז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן דורך א מלך. האט ער אנגעהויבן צו מאכען חשבונות, וואס עס וועט זיין נאכן חורבן. און כדי אויפצושטעלן יודישקייט נאכען חורבן, דארף ער האבען יבנה וחכמיה. אויב עס וועט נישט איבערבלייבען קיין תלמידי חכמים, ווער וועט מחנך זיין דעם דור שפעטער, אם אין גדיים אין תיישים. עס וועט זיין יארן מלחמות, און מען וועט גיין אין גלות, און דעם חורבן וואס דאס וועט צוברענגען, ער מוז האבען אז יבנה וחכמיה זאלן בלייבען, כדי מען זאל קענען שפעטער צוריק אויפשטעלן תורה. שושילתא דרבן גמליאל, ער האט געדארפט האבען מלכות, עס זאל איבערבלייבען א קינד פון רבי גמליאל דער נשיא, וואס זאל צוריק אויפשטעלן ביים כלל ישראל דעם מלכות בית דוד. אבער א דאקטער פאר רבי צדוק, רעדט מען דאך פון א פרטיות'דיגע טובה, אז ער זאל אים געבן א דאקטער אויסצוהיילען א קראנקען יוד. דאס איז דאך א קליינע נקודה פון אזא גרויסען חורבן, ווי עס גייען שטארבען טויזנטער מענטשען, מיט אזויפיל

גדולי ישראל, וואס איז דער נויט צו האבען א דאקטער וואס זאל היילען רבי צדוק.

**דער** פשט דערפון איז, די גמרא (גיטין נו.) זאגט, אז רבי צדוק האט געפאסט פערציג יאר, אז דער בית המקדש זאל נישט חרוב ווערן. עס זאגט זיך זייער גרינג, פערציג יאר פאסטען, אבער דאס איז צו פאסטן טויזנטער טעג. כמעט א גרויס חלק פון לעבן איז אדורכגעגאנגען מיט א תענית, אז דער בית המקדש זאל נישט חרוב ווערן. אזוי ווייט אז רבי צדוק איז געווארן איינגעדארט, אז ער האט נישט געקענט געהעריג עסן, ער האט נאר געקענט אויסקייען א תאנה, א גרוגרת.

**רבי** יוחנן בן זכאי האט פארשטאנען, אז עס איז נישט גענוג אז מען לאזט איבער יבנה וחכמיה, עס איז נישט גענוג אז עס בלייבט איבער שושילתא דרבן גמליאל, נאר דער אייבערשטער מוז איבערלאזן אז קינדער זאלן זעהן, ווי אזוי עס האט אמאל אויסגעקוקט א צדיק, וואס האט געפאסט פערציג יאר פארן חורבן פונעם בית המקדש. דאס וואס מען וועט צוזעהן אזא צדיק ווי רבי צדוק, דאס וועט אויפהאלטן יודישקייט. מען דארף האבען גדולי תורה, וואס זאלן לערנען תורה מיט יודען, דאס איז איין חלק פון אויפשטעלן יודישקייט, על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה וכו' (אבות א-א). אבער עבודה, צו זעהן ווי אזוי א יוד דארף דינען דעם אייבערשטען, וואס פאר א מסירת נפש מען דארף האבען פארן באשעפער, מוז מען איבערלאזן רבי צדוק. רבי צדוק איז אבער נישט געזונט, האט רבי יוחנן געבעטן פארן תועלת פון כלל ישראל, אז מען זאל געבן א דאקטער אויסצוהיילען רבי צדוק, כדי די דורות שפעטער זאלן קענען זעהן, ווי אזוי רבי צדוק האט אויסגעקוקט. פונקט ווי ער האט פארשטאנען אז פארן עתיד פון די קומענדיגע דורות דארף זיין יבנה וחכמיה, און שושילתא דרבן גמליאל, מוז מען אויך האבען אז מען זאל זעהן אזא צדיק ווי רבי צדוק.

**נאך** אזא חורבן, וואס עס ווערט יעצט זיבעציג יאר פון ווען דער חורבן האט זיך גע'ענדיגט. גאנץ גלות בבל האט נישט גענומען מער פון זיבעציג יאר. זיבעציג יאר נאכן חורבן בית ראשון, איז מען צוריקגעגאנגען קיין ירושלים, און מען האט אויפגעבויט א פרישן בית המקדש. און מען קוקט ווי אזוי עס האט זיך אויפגעשטעלט אזא דור, וואס די אלע וואס האבען עס מיטגעלעבט, האבען נישט געטראכט אין וויסטען חלום אז דער כלל ישראל וועט זיך אזוי שיין אוועקשטעלן. און דער אייבערשטער האט איבערגעלאזט יבנה וחכמיה, גדולי התורה וואס האבען זיך ארייגעווארפען און מרביץ תורה געווען, צוזאמגענומען די בחורים און אויפגעשטעלט ישיבות, אויפגעשטעלט תלמוד תורה'ס און מיידעל שולע'ס, אז מען זאל קענען מחנך זיין די קינדער.

**אבער** דער אייבערשטער האט אויך איבערגעלאזט דעם רב ז"ל, אז מען זאל קענען זעהן ווי אזוי א מלאך אלקים זעהט אויס. א יוד וואס איז געווען אפגעזונדערט פון די וועלט, א יוד וואס עסט נישט, און טרינקט נישט, און שלאפט נישט. ער איז כל ימיו געזעסן אויף א פשוטע בענקל, וואס האט נישט געהאט קיין הענטלעך אויף די צוויי זייטען, ווי מען זאל זיך קענען אנליינען די הענט. און ער האט זיך נישט געבויגען דעם רוקן זיך אנצולייגען אויפן בענקל. מען האט דערקענט אויפן בענקל, אז דער עק פונם בענקל איז געווען אויסגעריבען, און דער אנדערער העלפט פונעם בענקל איז געווען שיין גלאנציג. און אזוי איז ער געזעסן רוב שעות פונעם טאג איינגעבויגענערהייט אויפן בענקל. מען זאל עס פראבירן נאכצומאכען איין טאג, וועט מען וויסען וואס פאר אן עבודה דאס איז געווען. און דער אייבערשטער האט אונז איבערגעלאזט אזא צדיק, טאקע נאר אויף א פאר יאר, אבער סוף כל סוף האט זיך א דור ארומגעדרייט ארום אים, און זיי האבען איבערגעגעבן שפעטער פאר די קינדער די סארט עבודה. און די משפחות האבען זיך היינט צושפרייט און זיי האבען אויפגעשטעלט שטובער פון תורה און עבודת ה'. און דאס האט אויפגעהאלטן יודישקייט אויף די דורות שפעטער.

**זאל** דער אייבערשטער געבען, אז אזוי ווי דער רב ז"ל האט בחייו מתפלל געווען פארן כלל ישראל, שטענדיג איז זיין מויל געווען פול מיט תפלות אויפן כלל ישראל, איז אוודאי אז ער איז עומד ומשמש

יעצט אויך, און ער זאל זיין א מליץ יושר אויף אונז, און אויף כלל ישראל, און מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן בבנין ציון וירושלים, במהרה בימינו אמן.

***שבת קודש פרשת עקב***

סעודה שלישית ערך **רבינו שליט"א** בבית מלונו, בהשתתפות כארבעים איש.